STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04612

# MAME LOSHN YIDISH

Sholem Sudit

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# שלום סודיט /לידער

גערוידמעט מיינע טייערע, אומפארגעסלעכע:

שוועסטער- פיה שטיינבעג סודיט
שוואגער - יודל שטיינבערג
פלימעניק- אברהם שטיינבערג

אומגעבראכטע אין אוישוויץ דורך די דייטשיש-
נאציישע רוצחים...

שוועסטער- חיה שאפער שופער

נפטר געווארן דעם 29 טן יוני 1982
ח. תמוז תשמ"ב אין לוד ישראל.

## מאמע לשון יידיש...
## לידער.

ארויסגעגעבן מיט דער הילף פון די פריינד:

ברויט לודמילה און יעקב
גאמערניק שורא און מנחם
דונאיעווסקי סימאן
דונאיעווסקי- לאבאוויטש דארא
מילכגרוב רחל און משה.
סודיט ראזא און מענדל
סודיט בומא און בעלא
רויטמאן יוחנה און יחיאל
רוויס דוד. גלידשענסקי נחר

דפוס אופסט ב.שריב ושות. רח. רוטשילד 28 תל אביב 1982

[illegible]

19. X. 1982

1. שלום סודיט /לידער

צום אנדענק פון די טייערע מענטשן
פראפעסאר יודל מארק און פייגל מארק ז"ל.

## מ א מ ע  י י ד י ש

ווייך ניט, ליבע מאמע מיינע, יידיש!...
אויסווישן מיט מיין הארצן וועל איך דיינע טרערן.
אויף דיין אומעטיקן פנים, א העל טאן זאל א שמייכל,
זאלן דיינע קרעכצן, בייזע שונאים מער ניט הערן...

זיי יובלען, אז דו דיין לעצטן גייסט שוין וועג.
זיי ווארטן, אז זאגן זאלסט דאס לעצטע ווארט.
א, מאמע לייבלעכע!... מיט זיי אויך זייער שנאה שטארבן וועט.
אויף וועלט דער גראמער, אויך פאר דיר איז פאראן אנ'ארט...

אוי ווײ!...ווי שווער האבן שונאים דיך פארווונדעט.
ווי פיל צווייגן פון דיין שטאם אפגעהאקט זיי האבן.
דו אבער אטעמסט, דיין שטאם איז לעבעדיק פארבליבן,
און דיינע ווארצלען טיף אין ערד זיך איינגעגראבן...

עס וועלן לאנגזאם דיינע ווונדן זיך פארהיילן.
מיר שווערן, דיך קיין מאל ניט פארגעסן, ניט פארלאזן.
מוטיק קלינגען נייע שטימען פון נביאים יונגע +
פון האפענונג ס'הייבן פרישע ווינטן אן צו בלאזן...

קלאג ניט, ליבע מאמע-יידיש!... גענוג געוויינט!...
אויסווישן מיט מיין נשמה וועל איך דיינע טרערן.
מיר, אין וועמענס הערצער ס'פלאמט אנ'הייליק פייער-
דיך קיינמאל וועלן ניט פארגעסן... מיר שווערן...

## מ י ר  ג י י ע ן  פ א ר ו י ס...

מיר שפאנען בייננאנד אויף ענדלאזע וועגן.
מיר גייען פאראויס און ווערן ניט מיד.
אונדז שרעקן ניט פרעמדע, ניט אייגענע שונאים.
ס'וועבט זיך ד'אומשטערבלעכע יידישע ליד...

ניט איינמאל עס האבן בלוטדורשטיקע שונאים-
געוואלט אונדז ביידע אויסראטן...
מיר לעבעדיק אבער זענען פארבליבן-
און זיי אלע די צייט האט צעטראטן...

זיך ראנגלסט מיט פיינד מיט אייגענע, טעמפע-
זיי ווילן דיין שיינקייט ניט זען.
זיי וועלן פארשווינדן.. אבער דו אייביק וועסט
ארום דעם ערד-קיילעך זיך דרייען...

+ נביאים יונגע געמיינט= יוגנטלעכע שבע צוקער, לייב באטוויניק
ד. קאץ, ש. הירמאן א.א.

2. שלום סודיט /לידער

צום אנדענק פון
סאשע טאלמאצקי ז"ל.

## אליעזר שטיינבארג...

1880–1932

אונטער דעם מצבה–שטיין
רוט דער גרויסער משלים–שרייבער.
א שטומע שטילקייט הערשט ארום.
ס'שווייגט דער קאטאוועס–טרייבער...

כ'זע דעם גרויסן תלמיד חכם–
שטיינבארג אליעזר–
מיט די מילדע קינדער–אויגן
אונטער אויגן–גלעזער...

הערן אים געהאט די זכיה,
ווי ער לייענט זיינע משלים...
דאכט זיך, ערשט ניט לאנג געווען דאס–
און היינט ס'איז נאר א חלום...

איך האב געלייגט אויף זיין מצבה–
א בינטל צארטע בלומען...
געזאגט מיר דעמאלט האט מיין הארץ–
אהין כ'וועל מער ניט קומען...

איך שלאף איך אייביקן ער רוט–
פארענדיקט לאנג דאס שרייבן...
נישטא דער גרויסער פאבוליסט מער,
וואס זאל קאטאוועס טרייבן...

טשערנאוויץ זומער 1957.

# משה אלטמאן...

1890 -1981

אויף די טשערנאוויצער גאסן, וועט שוין מער דער זקן ניט שפאצירן.
פארייתומט איז פארבליבן זיין שטענדיקער באגלייטער- מ'זקנס שטעקן...
זיין שטילע שטימע וועט שוין מער ניט גלעטן, ווי א באגיניק ווינטל,
ר.משה שווייגט... קאיארן וועלן אים שוין מער ניט וועקן...

אויסגעלאשן זיך די שיין אין זיינע קלוגע, שווארצע אויגן.
עס וועט דער לעבעדיקערקוואל פון חכמה מער ניט קוועלן...
א יאמער טאך עס וועט א ווינטל...צעזינגען טרויעריק זיך א פויגל.
די זון פאר אים, זי וועט שוין מער ניט העלן...

דריי זיינען זיי געווען-בארימטע יידיש=שרייבער...גרויסע יידן-מענטשן
פונעם בעסאראבער שבט. פונעם ליפקאנער אלימפ-בארג...
די גייסט-טראיקע.. ליפקאנער, ליטעראַרישער טריאומוויראט.
אונדזערע לערער: משה אלטמאן,.. יעקב שטערנבערג...אליעזר שטיינבארג...

עס שימערירן אבער זיינע ווערטער-דימענטן,
וואס געפונען האבן תיקון אין זיין פערלדיקער יצירה.
מדרש פנחס. שמעטערלינגען. ווינער קארעטע. לידער.
עסייען. נאוועלן... אפאלאגס אומשטערבלעכע שירה...

די לעצטע שפורן פון זיינע גאסן-טריט שוין לאנג פארשווונדן.
און דאכט זיך... ס'פלאטערט ערגעץ פון זיין שטים דער אפקלאנג.
דער שילער-פארק.. דער פאלקסגארטן, וואס האבן אים איינספּירירט אמאל-
זיי וועט נאך אים אוודאי שטענדיק טוען באנג...............
.................................................................

עס וועט שוין מער דער זקן ניט שפאצירן אויף די טשערנאוויצער גאסן.
פארבליבן איז פארייתומט זיין שטענדיקער באגלייטער-דעם זקנס שטעקן...
זיין שטילע שטימע וועט שוין מער ניט גלעטן, ווי א באגיניק ווינטל.
עס שווייגט ר. משה... קאיארן וועלן אים שוין מער ניט וועקן...

נהריה דעצעמבער 1981.

שלום סודיס/לידער 4.

# דער בעסאראבער פאעט...

צום אנדענק פונעם בעסאראבער פאעט
מרדכי גאלדענבערג ז"ל אומגעקומענער א
טראנסניסטריע אין די יארן 1941-1944.

פאעט פון צארטע און לירישע לידער-
פארגעסן ביי אונדז דיין נאמען איז היינט...
דיך פארגעסן וועל איך ניט קיין מאל-
דיין אלטער פארערער און פריינט...

ארנטער די שטעכיקע געטא-דראטן-
האט מען דעם פאעט פארשפארט...
דו מיט דיינע חורבן לידער-
אויסלייזונג האט איר ניט דערווארט...

פון דעם שטעטעלע די העלדן
געמאלט מיט ליבשאפט דיינע הענט.
אין דיינע הערלעכע נאוועלן-
מיר האבן אלע זיך דערקענט...

פון ערלעכקייט און עבדות-
ביסט די געשטאלטיקונג געווען.
אין אומגלייכהייט און אין שקר-
האסט דאס לעבנס-שלעכטס געזען...

ערגעץ אין א פרעמדן לאנד-
רוט אויף אייביק דיין געביין...
געבליבן נאמענלאז דיין קבר-
נישטא דארטן קיין מצבה-שטיין...

נאר אין א טאג וועט קומען איינער-
דיינע ווערק ר'וועט צונויפנעמען...
גאטס-שיין וועלן זיי דערזען-
און שיינען וועט מיט זיי דיין נאמען...

קעשענעוו-בעסאראביע 1970

# א ו ר ע ק  א  ג ר ו י ס ע ר  ד י כ ט ע ר...

צו אלעקסאנדר טוואַרדאָווסקיס טויט.

אורעק א גרויסער דיכטער רוסלאנדס.
נישטא איז שוין טוואַרדאָווסקי מער.
אורעק מיט אים איז אויך זיין טרוים-
אין ד'אויגן טרויערט שטיל א טרער...

ס'שווייגט פון טיארקינען דער זיגער-
אויפוואכן ר'וועט שוין ניט פון דרימל...
אויף זיין פארשנייטן,פרישן קבר-
קוקט דער מאסקווער,כמורער הימל...

די ערשטע שוואלב פון סאלזשעניצין-
האט דער נייער געץ פארטריבן.
אין דער אנטוישטער,טריבער זעל
איז א טיפע ווונד פארבליבן...

זיין זיג דער פרייהייטס-שונא פייערט.
דעם דיכטערס שטים מ'וועט מער ניט הערן.
א קעמפער איז אין שלאכט געפאלן.
זיך אויסגעלאשן ס'האט א שטערן...

אומזיסט טיראנען,איז אייער פרייד!...
פון פרייהייט אייביק העלט די שיין.
עס וועט די צייט אפרוימען אייך...
און ער... ז'איז אייביקייט אריין...

נהריה יאנואר 1972.

6. שלום סודיס/לידער

### ש י ק א  א ר א נ א ו ו ...

1903–1970

דא ליגט א ייד א קאמפאזיטאר.
מעלאדיעס צארטע ער האט געשריבן.
אין שעהן פרייע,ער מאטיוון
האט מאלדאווישע געקליבן...

ער האט כבוד און אויך רום-
דערגרייכט נאך ביי זיין לעבן ..
טאלאנט און שאפונג פאר מאלדאווע-
האט שיקא אוועקגעגעבן...

זיין קבר היינט איז איינגעטונקן
אין קרענץ און אין בלומען...
ווער קאן וויסן,צי וועט עמעץ
צו זיין קבר שפעטער קומען...

מ'וועט א שווארצן דענקמאל שטעלן
און מ'וועט זיין בילד אויסקריצן...
זיין געשטאלט אין שטורעם-נעכט
באלויכטן וועלן בליצן...

ס'קאן זיין,אז בסתר ר'האט
אויך פאר זיין פאלק געשריבן.
אין זיין עזבון ס'איז פאר אונדז
גארנישט דארט פארבליבן...

מעגלעך,מ'וועט אים גיך פארגעסן,
ער וועט דאך מער ניט שרייבן...
פארן עתיד אין מיין ליד-
זיין נאמען וועט פארבלייבן.

קעשענעוו בעסאראביע 1970.

7. שלום סודיס/לידער

## פ א ר ש ו ו י ג ע נ ע   י ו ב ל ע ן...

זייט מוחל אונדז ויידעניר און אייניקלעך טייערע,
וואס אייערע נעמען ווערן זעלטן דערמאנט...
מיר וואלטן געפייערט מיט פרייד און מיט ליבשאפט
אייערע יובלען,ווען מיר וואלטן געקאנט...

א צייט-היינט,ווען יובלען גייען דורך אומבאמערקט.
א צייט,ווען שתיקה מוז ווערטער פארבייטן...
דעם צייט-גאנג האמעווען,דער טיראן וועט ניט קאנען...
ס'וועלן זיך בייטן די מענטשן און מיט זיי אויך די צייטן...

מיט דער פארצווייפלונג זיך ראנגלען מיר מוזן.
מוטיק זיין... האפן... גלויבן מיר קענען...
ס'טאר זיך דער לעצטער פונק ניט אויסלעשן,
ער וועט אין א טאג,אין א פלאם זיך צעברענען...

קזיל-ארדא קאזאכסטאן 1952.

## ז י י   ג י י ע ן   א ו ו ע ק...

זיי גייען אוועק די יידישע שרייבערס-
און ס'פארבלייבן נאך זיי דערמאנונג און וויי...
מ'הייבט אן פארגעסן זייערע טייערע נעמען...
וועט עמעץ אמאל דערמאנען כאטש זיי ?...

זיי האבן פיל פרעמדע לשונות געקאנט-
אבער האבן אין יידיש געשאפן... געשריבן...
זיי זענען דעם פאלק,דעם יידישן לשון-
געטריי ביז רגע דער לעצטער פארבליבן...

געענדערט עס האבן זיך מענטשן אצינדער-
און אויך געענדערט עס האט זיך דער ייד...
פאר פרעמדע לשונות און געטער ער בוקט זיך-
און יידיש ביי אים הייסט: ש פ ה   ל ו ע ז י ת...

פארשעמט און פארגעסן ליגן יידישע ביכער.
נאך יידישע קינדער זיי חלומען... בענקן...
זיי ווילן מ'זאל זיי א צערטלעכן גלעט טאן...
מ'זאל א שמייכל און ליבע זיי שענקן...

נהריה 1981

שלום סודיט /לידער 8.

יוחנה און יחיאל רויטמאן

# אויף די פליגלען

# פון דערמאנונג...

ס'טוט א טראג מיך דערמאנונג אויף אירע פליגלען-
און צו מיין אלטער היים ז'האט מיך געבראכט...
און אזא פרייד אין נשמה מיינער זיך צעשטראלט..
מוטערלעך-צארט שמייכעלט זי צו מיר... ס'איז נאכט...

אויפגעגאנגען איז די לבנה, ווי א סערפ...
אויסגעזען ז'האט אויך, ווי מיין יידיש אות- ד י ט ע ס...
און עס צעשפרייטן זיך צויבערדיקע, בלא-זילבער פארבן
אויף דעם רחבותדיקן, בעסאראבער שעס...

ביים ראנד פון שעס, צוגעשפארט צום טאל,
רוט דער וואלד אין זילבער-בלאען דרימל...
פריי ז'דער וועג פון די הייכן ביז צור ערד-
שיקן אהין גרויסן גאלדענע שטערן פונעם הימל...

אויף דעם בארג, אין וויינגערטנער יידישע,
פראצע ערלעכע דארט רוט. ארום איז שטיל.
מיר דאכט, לבנה אין א זילבער קלייד זיך איינגעהילט.
אין א בארדיי, אייקלאנגיק, מתפלל איז די גריל...

בלאקייט הימלישע די אויגן קושט. כ'בין וואך.
אפגעטאן פון מיר זיך האט דער שלאף...
ווי קאן מען ניט באוווּנדערן אזא צויבער-נאכט.
און ניט זען די פראכט פון געטלעכן באשאף..

דערמאנונג איר פענצטערל גיך פארשליסט.
און פאר מיר די וואר די היינטיקע ווידער שטייט...
און עפעס אזא **אומעט אין** נשמה דרינגט אריין,
וואסנאר א רגע געדויערט האט מיין דערמאנונג-פרייד...

ב א ר ד י י = קעלער שטיבל געבויט פון שטיינער, האלב אדער
צוויי דריטל אין דער ערד.
אויך אנ'אלט, ארעם שטיבל פון א ארעמען מענטשן.

נהריה ישראל.

9. שלום פרדיס/לידער

צום אנדענק פון די טייערע
יענטע און שמואל טאלמאצקי ז"ל.

## האָרבסט אין מיין שטעטל...

אנגעכמורעט איז דער הימל.
שווארצע כמארעס איילן, יאָרן.
אסיענדיקער, שווערער אומעט-
הייבט אָן שטיל מיין הארץ צו נאגן...

שפרייז איך איינזאם איבער גאסן-
זוך פארגעסענהייט אין האָרבסט-נאכט.
אפשר נאכט וועט טרייסט מיר ברענגען
פאר מיין עלנט הארץ פארשמאכט.

שמייסט דער רעגן מיר אין פנים-
און דער ווינט ער קילט די וואונדן.
ווינקן צו מיר טויזנט ליכטער,
וואס די נאכט האט אנגעצונדן...

רייסט דער ווינט פארגעלטע בלעטער,
פאלן ז'אויף פארוועלקטע בלומען...
שושקען זיך די ביימער טרויעריק:
"האָרבסט די פרייד ארויפגענומען"...

שפאנט דער דלות קריעה ובליעה,
טאפטשעט זיך אין בלאטעס בארוועס...
קריכט אריין ער ביזן פרילינג-
אין קעלער-שטיבער און אין חורבות. .

בלאנדזשע איך אום, ווי א געשפענסט.
נאסער ווינט קילט מיינע וואונדן.
שימערירן טויזנט ליכטער,
וואס די שטאט האט אנגעצונדן.

רעזינע-בעסאראביע.
1923.

שלום סודיט /לידער 10.

<u>סימאן ו רנאיעווסקי</u>

## א ל ו ל  א מ א ל  א י נ ע ם  ש ט ע ט ל...

ס׳גייט אוועק אינעם שטעטל דער זומער.
עס פילט זיך שוין איצט דער הארבסטיקער וועטער.
עס הערט זיך אין שילן דאס בלאזן פון ״דפר.
אויףביימער סודותדיק שעפטשען די בלעטער...

טעגלעך,אלץ נאקעטער ווערן די פעלדער.
מ׳נעמט שוין אראפ די עפל ,די פלוימען..
די ווייַנגערטנער ליידיקן אויס זיך פון טרויבן-
די ווייַנען זיי ברויזן,שפילן און שוימען...

טרוקן דער סטעפ איז... ער לעכצט נאך א רעגן.
עס שוועבט אין שטויביקן נעפל דער וועג...
עס הערט א געשריי אין דער הייך זיך פון פייגל.
די בושלעס,שוואנען פליען אוועק...

אויף קבר אבות מ׳ווייַנט זיך דאס הארץ אויס.
מ׳קומט אויך פון אנדערע שטעטלעך צו פארן.
פון געוויין,אל מלאס,צערודערט ס׳געמיט ווערט.
מיט בענקשאפט דערמאנסטו פארגאנגענע יארן...

עס פאשעט די טשערעדע אונטן אין טאל זיך.
עס קוויקן די קי זיך מיט טרוקענע גראזן...
ס׳וועט קומען דער ווינטער,ס׳וועט שווייגן דער פלויער.
ס׳וועט פייפן די ווירגע,דער ווינט האסטיק בלאזן...

ס׳צאנקט שוין דער אלול. ס׳איז ערב תשרי.
מיט פארגאנגענעם יאר וועט זיך יעדער געזעגענען.
זיך צעפלאמען אין שילן וועלן הונדערטער ליכט.
עס וועט ראש השנה מיין שטעטל באגעגענען...

רעזינע בעסאראביע...

11. שלום סודיט/לידער

צום אנדענק פון מומעביילע סודיט
זכרונה לברכה.

# יום כפור אינעם
# בעסאראבער שטעטל...

אראפגעלאזט זיך האט א שטילקייט איבערן שטעטל.
זיך אויסגעשפרייט פארזארגטקייט אין אלע ווינקלען....
טונקל-בלא דער הימל איז און דורכזיכטיק די לופט-
אין שיל די ווייסע ליכט סודותדיק זיי פינקלען...

אין ווייסע קיטלען אנגעטאן ווייסבערדיקע זקנים.
דער חזן איבערן קאפ דעם טלית ארויפגעצויגן.
צום אומזעבארן גאט א הייסע תפלה איז געווענדט.
מתפללים אים האלטן אונטער מיט טריבע,שטילע אויגן...

יום כפור... פארגעבונגס-טאג... דעם אורטייל האט
פאר יעדן,שוין דער שיקזאל צוגעגרייט.
ער איז דער הערשער איבער טויט און לעבן-
און צו אים ניט פון יעדן דערגייט די תפלה און געבעט.

קיין פויערן זעט מען אי אין שטעטל ניט.
זיי ווייסן,אז ביי יידן,דער יום הדין איז היינט.
פאר זינד באגאנגענע,פארגעבונג בעטן יידן-
און יעדער זוכט זיך איבערבעטן מיט זיין פיינט...

ליפן פארטרוקנטע ביי מענער... אויגן טריבע.
אויף פנימער פון מאמעס... באבעס.. זילבער-טרערן...
ס'איז נעילה.. מ'הייבט אן בלאזן שופר.
אויפן הימל זיך באווייזן האבן ערשטע אוונט-שטערן.

רעזינע בעסאראביע.

12. שלום סודיט /לידער

**דארא לאבאוויטש דרנאיעווסקי**

# אנא קארעני נא אין

# שטעטל רעזינע...

ביי אונדז אין שטעטל ז'איז פון טאג די העלדין.
זי, וואס ווראנסקין האט איר הארץ געשענקט...
דעם הארצן קאנסטו ניט פארווערן, ניט באפעלן-
ווען דאס הארץ האט ליב און בענקט...

מ'אמפערט זיך אין יעדן שטוב.
עס האט די יוגנט איצט איר ווארט...
משפטן ווערט מען אנעס טאט:
בארעכטיקט איז, צי ניין איר זעלבסטמארד...

•

טאלסטוי איז ביי אונדז איצט פאפולער.
דאס בוך ווערט דיסקוטירט געלייענט...
דריי נעמען ווערן ווידערהאלט.
א בחור איז פארטראכט... א מיידל וויינט...

•

דער אויסהער פון די עדות גייט.
ביים עולם איז די שפאנונג גרויס.
ווער פאר אנען... און ווער קעגן איר
זיין מיינונג יעדער זאגט ארויס...

•

באשולדיקער:

ז'איז שולדיק אין פאראט צום מאן.
געווען ז'איז מוטער פון א קינד...
מיט קינפטיקער אויפפירונג
בעדארפט פארלייכטערן די זינד...

פארטיידיקער:

פון כללים ווייסט די ליבע ניט.
די ליבע ווייסט ניט פון פארבאט.
די מענטשלעך איז, ניט זינדיק-
ניט קעגן צבור... ניט קעגן גאט...

•

געברויזט דאס לעבן אינעם שטעטל.
געלייענט טאלסטויען און אים פארשטאנען...
די יוגנט פון ראמאנטיק... טרוימען...
פון שולד האט פרייגעשפראכן אנען...

13. שלום סודיט /לידער

רחל און משה מילכבררב.

דערמאנסטו כאטש...

דאס שיינע שטעטל מיט די גערטנער,
מיט דער וואסערמיל אינעם טאל...
די יוגנט מיט די בלאע טרוימען...
דערמאנסטו פריינט, דאס כאטש אמאל?...

לאמיך אויף מיין לירע שפיל
נאסטאלגיע-ניגון מיר אויסשפילן.
אויף רגע ס'הארץ זאל יונגער ווערן-
נ'א ברויז טאן זאלן די געפילן!...

שטיין צוויי הויכע בערג אין טאל-
צווישן זיי א טייכל רינט...
ס'שטארצן אלטע, גראע פעלדזן-
ווו די זון די שטראלן צינדט...

ביי דער אלטער וואסערמיל
א שיינער הויכער טאפאל שטייט.
ווו אויף זיינע צווייגן האט
איר נעסט א יונגע קרא געבויט...

יאגט א ווינטל דורך דעם טאל-
באגריסט עס יעדן אויף זיין וועג...
א גלעט געטאן דעם דניעסטער האט-
און איז ערגעץ ווייט אוועק...

ווען דער רו-טאג שבת קומט-
זאמלען אלע זיך אין טאל...
דארט צוויבערדיק מיין יידיש קלינגט...
דאס אלץ, מיין פריינט... געווען ז'אמאל...

נהריה ישראל

14. שלום סודיט/לידער.

**בלומען ז"ל.**

## מײַן יוגנט-פרײַנד...

פון די ווײַטע יוגנט-יארן
צו מיר דײַן שטימע זיך דערטראגט...
זי רירט א וווּנד אן... און פארשווינדט-
גלײַך ס'האט זי עמעצער פאריאגט...

א,יוגנט פרײַנד!... ערשט איצט איך פיל,
אז פול מיט גיפט געווען די קלאנגען...
זיי האבן דעם פארשטאנד פארטונקלט-
און מיר זײַנען זיך צעגאנגען...

פרעמד געווארן זײַנען בײַדע,
פון הארץ דעם רוף געוואלט ניט הערן.
דער שיקזאל האט אונדז ווײַט פארווארפן,
אז פרײַנדשאפט זאל זיך ניט אומקערן...

יארן האבן אונדז באזילבערט.
עס איז די עלטער אנגעפלויגן.
ג'מײַן דמיון ביסטו יונג פארבליבן-
מיט צארטן שמײַכל אין די אויגן...

דער פארשטאנד הײַנט,ווי א רויז בליט-
נאר העלפן ער אונדז קאן ניט מער...
יוגנט-פעלער ז'ניט צום פארריכטן...
און ס'טריפט פון אויג א זילבער-טרער...

סטראשען-בעסאראביע 1967

# פ א ר ש ט ו י ס ע נ ע  ל י ב ע...
## ע ל ע ג י ע

צערטלעך געווען איז מיין ליבע צו דיר.
נאך דיין שמייכל,ווארט,שטענדיק כ'האב געבענקט...
דו אבער האסט מיין צערטלעכקייט און ליבע ניט געשאצט-
און ווארעמקייט פון דיין הארצן א צווייטן האסט געשענקט...

דערזען,אז א צווייטער,דיין אויסדערוויילטער איז-
פארשטאנען,אז ליבע קאן מען ניט אויסוויינען,ניט אויסבעטן.
און,אז דארטן,וו עס דערשיינט א צווייטער-
פון זיי איינער מוז דעם וועג אפטרעטן...

ארום דיר געשלאסן זיך עס האט דער קרייז.
פארמאכט געווארן צו דיר איז מיין ארייננאנג...
ס'פלעגט א צאפל טאן מיין פארוווונדעטע הארץ,
ווען פון דיין שטים דערהערן כ'פלעג דעם אפקלאנג...

אבער איך א טאג... דו זעלבסט געווארן ביסט פון פאראט דער קרבן.
און דער,וועמען ד'האסט געגלייבט,דיך האט ער אפגענארט...
און דעמאלט דו פארשטאנען,אז פארלוירן האסט
צערטלעכקייט און ליבע,וואס האבן אויף דיר געווארט...

כ'ווייס,אז ס'טוט דיר באנג... אז דו באדויערסט איצט.
וואס טויג באדויער היינט?...וואס קאנען העלפן טרערן?..
דעם גורל דו אליין זיך אויסגעקליבן האסט.
ליבע פארשטויסענע-מיר קאנען ניט א ו מ ק ע ר ן ...

נהריה 1980

16. שלום סודיט /לידער

## פ ר ו נ ז ע-ר ו ע ר ד ע = ג ר י נ ע ב ל ע ט ע ר...
### מ א ל ד א ו ו י ש ע ר מ א ט י ו ו.

בלומען דופטן, ביימער צוויטן.
ס׳קלינגען טרעלן פון די שטארן.
איך מיין הארצן איז די ליבע-
נאך מער פלאמיקער געווארן...

פרונזע ווערדע-גרינע בלעטער.
ס׳בליט דער פרילינג, שיין ז׳דער וועטער.
קום צו מיר געליבטע מיינע,
האסט געזאגט: "כ׳בין אייביק דיינע"...

2 מאל.

וויסן זאל דער בלאער הימל,
אז דיר נאר כ׳האב מיין הארץ געשענקט..
נאך דיין מילדן אויגן-שמייכל
מיין נשמה לעכצט און בענקט...
פרונזע ווערדע

ס׳לאזט דיין מוטער דיך ניט קומען-
זי אונזער ליבע וויל צעשטערן...
פארשטיינערט איז איר הארץ געווארן-
ס׳בייך ניט אך איר אונדז׳רע טרערן...

פרונזע ווערדע.

ביים אלטן דעמב כ׳וועל דיך אפווארטן,
וועך עס וועט נאר טונקלן ווערן...
איך וועל קושן דיינע אויגן,
די סאמעטענע האר און שטערן...

פרונזע ווערדע

נהריה ישראל 1979.

17. שלום סודיס /לידער

# די ליבע וועט אונז געהערן...

## עלעגיע

כ'הער יעדן צאפל פון דיין הארצן
געליבטע מיינע...
כ'פיל דעם דופט,וואס סע פארשפרייטן
דיינע האר די שיינע...

דיינע שווארצע אויגן ברענען
ווי א פייער...
זייער גלאנץ און שמייכל זיינען
מיר ליב און טייער...

זאלסט ניט טראכטן,אז מיט ווערטער
איך וויל זיך שפילן.
איך מיין הארצן פאר דיר בליען
פון ליבע די געפילן...

קום מיט מיר,לאמיר גיין
ביינאנד שפאצירן...
זאלסט ניט מיינען,אז איך טראכט
דיך צו פארפירן...

פון דער נאכטיגאל ס'געזאנג
מיר וועלן הערן...
קושן כ'וועל די שיינע אויגן
און דיין שטערן...

שמייכלען וועט צו אונז ווענערא
פון די הייכן...
און דער ליבע וועלן מיר
דאס גליק דערגרייכן...

ווי זיס עס זיינען דיינע ליפן,
הייס דיין שטערן...
די צארטע ליבע וועט אויף אייביק
אונז געהערן...

# ליבע איז א צארט געפיל...

ליבע איז א צארט געפיל-
וואס ווערט אין זעל געבוירן...
היט זי אפ,ווי א הייליקטום-
זי זאל ניט גיין פארלוירן...

ליבע וואַרעמט,ווי א זון,
זי שימערירט ווי שטערן...
ליבע איז געשאנק פון גאט.
זע,דו זאלסט זי ניט אנווערן...

ליבע שאפט די שענסטע פריידנדשאפט.
זי מיט טרייקייט איז געבונדן.
איבערצווטראגן לייכטער זיין ווערט
די שווערע לעבנס-ווונדן...

שפאסן זאלסט ניט מיט דער ליבע.
זי איז א הייליק פייער...
אויב זי אפהיטן ווערסט ניט-
באצאלן ווערסטו טייער...

אויב נ'דיין הארצן ניט פאראן
פאר ליבע קיין געפילן...
ניט וואגן זאלסטו דיין תאוה-
אין ווערטער פאלשע איינהילן....

געדענק!... עס וועט די עלטער קומען.
די יוגנט וועט דורכשוועבן...
דאן וועט די ליבע דיר באשיינען
דעם אסיען פון דיין לעבן...

סטראשען בעסאראביע 1965

19. שלום סודיט /לידער

# כ׳ האב ליב ....

כ׳האב ליב די בלאקייט פון דער נאכט,
דעם שימער אייביקן פון שטערן...
די צויבערדיקע ווונדער-טרעלן
פון דער נאכטיגאל צו הערן...

די זילבערשיין פון דער לבנה
אין די סודותפולע הייכן...
פונעם וואלד דעם שטילן שלימער
דעם פרימארגן דעם בלייכן...

דעם צארטן פליסטער פון דער ליבע,
דעם אראמאט פון לינדנבוים.
דעם צאפל פונעם ערשטן קוש,
דעם אויפגאנג פונעם טרוים...

די קילע פרישקייט נאך דעם רעגן,
דעם פארבנצויבער פון רעגנבויגן.
די ווארעמקייט פון מוטערס הארץ...
דעם שמייכל אינעם פאטערס אויגן...

כ׳האב ליב די שטילקייט פון דער נאכט.
דעם שימער פון מיליאנען שטערן.
פון נאכטיגאל דעם צויבער-ניגון
אייביק איך געוואלט וואלט הערן.

סטראשען-בעסאראביע.

# איך האב געוואַרט
## אויף דיר...
### עלעגיע

געוואַרט ביים אַלטן לינדנבוים
און דו ביסט ניט געקומען...
פאַרוועלקט געוואָרן און פאַרטריקנט
איז מיין בוקעט מיט בלומען...

ביי דיין הויז האָב איך געוואַכט
דו האָסט מיך אויסגעמיטן...
געזוכט באַגעגעניש מיט דיר
און דו האָסט מיך פאַרביטן...

האָסט געשוויגן.. מיר ניט געענטפערט
אויף מיינע צאַרטע ברידו...
האָסט זיך פאַרוויילט... און מיין ווונד
געבלוטיקט האָט איך האַרצן טיף...

איך הער ניט מער דיין קול-געקלאַנג,
דער עכאָ איז נאָר פאַרבליבן...
ס'איז דאָס גליק צו דיר געקומען
און דו האָסט עס פאַרטריבן...

אַרויסגעקוקט,געוואַרט אויף דיר
און דו ביסט ניט געקומען...
פאַרוועלקט בעוואָרן און פאַרטריקנט
איז מיין ליבע,ווי די בלומען....

סטראַשען בעסאַראַביע.

מרים ווייס
זכרונה לברכה.

# די רויז...

אין גארטן האט געבליט א רויז.
פארשפרייט ארום ז'האט דופט.
די בין געזויגן נעקטאר האט
און מיך פארשכורט האט די לופט...

די זונענשטראלן פלעגן זי
צערטלען,ווי א קינד.
א שטיל מעשהלע דערציילן
איר פלעגט א מילדער ווינט...

ס'וואשט די סאמעטענע רויז
אין טויען זיך באגינען...
ס'וועלן יונגע בלעטעלעך
פארנאכטצו זיך צעגרינען...

גייען מענטשן דורך פארביי
זיך קוויקן מיר איר דופט.
הנאה האבן פון איר ריח
זי גוטע מענטשן רופט...

וויינקן גאלד'ענע שטערן צ'איר.
נאכט הילט זי ב'בלאקייט איין.
און זי כאפט א שטילן דרימל
ביז פרימארגנדיקער שיין...

ס'האט אנ'אכזר אין א טאג,
וואס פרעמד איז אים געווויסן,
געטויט מיין סאמעטענע רויז,
פון שטענגל אפגעריסן...

דעם אכזרס האנט ס'האט ניט געקאנט
מיין שיינע רויז זיך ווערן...
ס'איז דער ברוך אויף שטענגל נאס-
פון רויז פארבליבן טרערן...

סטראשען בעסאראביע 1960.

22. שלום סודיט / לידער

דעם פריינד
זלמן לעורי

# בעסאראבער זומער-נאכט...

ס'האבן שטערנדלעך ברילואנטן
זיך צעפינקלט אינעם הימל.
זילבער-שיין פון דער לבנה
שפרייט אויף ערד אויס שטילן דרימל...

פאלט א שטערן אינעם נאכט-רוים,
פליט א שלאנג מיט פייער-פארבן.
ר'האט געבראכט א טרויער-בשורה:
" ס'וועט די נאכט א צדיק שטארבן...

שלייכט פאמעלעך צו א הייזל
א פארשייטער, קליינער שטערן.
ס'האט דעם שטערנדל פארגלוסט זיך
אין א קינד מגולגל ווערן...

2.

אויף די גאניקעס, אויף ווערטעס
אויסגעצויגן ליגן יידן.
און זיי קרעכצן טיף אין דרימל
נאך א הייסן טאג, א מידן...

אויף די פריזבעס, אין די וואגנס
אויף דעם גראז דעם אויסגעבעטן,
קרעכצן אינעם שלאף די פויערן
און אויף זומער-רעגן בעטן...

כאפט זיך אויף דער הונט פון דרימל
טוט אויף דער לבנה א ביל.
אויף איר איינקלאנגיק פייפל
שפילט א ניגון אויס די גריל...

23. שלום סודיט /לידער

אין בית עולמדיקן אוהל
לאזט א נאכט-פויגל זיך הערן.
ס'איז דעם פויגלס אורנט-תפילה
צור לבנה און די שטערן...

מורמלט מאנאטאן דאס טייכל
און צום דניעסטר פליסט עס זאכט.
שושקען זיך די אלטע ווערבעס
רוימען סודות איין דער נאכט...

ס'הייבט די וואסער-מיל אן רוישן,
ס'גיט א בלינצל איין א פענצטער.
דא האבן שאטנס זיך צעהוליעט
זיך צעראנגלט, ווי געשפענסטער...

אויפן דניעסטרס ווייכן רוקן
גלישט זיך שטיל א שיפל-שמוגל.
ס'האט דערזען א ביקס א וואכע
און צעקנאלט א קוילן-האגל...

3.

ס'פייפן פינגער פון פויער-יינגן
כאפן שיקסעס אויף זייער רוף.
מיט צעלאזטע תאורה-קנאספן
זיך צעבליט דער יונגער גוף...

העגער קרייען... פרעשלעך קוואקען.
א פארל האט זיך זיס צעזונגען..
לבנה-זייגער אויף הימל-בויגן
האט חצות איצט אויסגעקלונגען.

רעזינע בעסאראביע 1924.

24. שלום סודיט /לידער.

צום אנדענק פון מיין זיידע
זלמנה און באבע רבקה סודיט.
זכרונם לברכה.

## ב ו ט ש ו ש ק א...

א מאלדאווריש דארף אן אלטס
אויפן רעכטן ברעג פון דניעסטר.
פארבראכט פיל קינדער-יארן האבן
איך און מיינע ביידע שוועסטער...

ס'איז די צווייטע שפראך פון קינדהייט
וואלעכעש ביי אונדז געווארן.
אירע מעשיות,לידער,דאינעס
אונדז באגלייטן אלע יארן...

דעם זיידענס פריינד - טשאבאן גליגאריע
פארטייעטע מיר פלעגן הערן.
פון זיינע וואונדערלעכע מעשיות
קיין ווארט קיין איינציקס ניט אנווערן....

אונדזער שכן פּאאוטשעסקו
פלעגן אנפריען אונדז מיט מוסט...
" טרינקט און האט הנאה קינדער,
קע-י טארע בון לא גוסט '...

אין "פארקו" און אין " מינדזשע"
פלעגן מיר זיך אלע שפילן.
פון פנים האט דער שווייס גערונען,
קיין מידקייט פלעגן מיר ניט פילן...

די אלטעטשקע מאטושע איליאנע,
ווי א טויב געוועזן ז'איז שטיל.
מיט גראזן,קרייטעכצער און שפרוכן,
קראנקהייטן געהיילט ז'האט פיל...

פארנאכט... ס'איז די זון פארגאנגען..
פון דניעסטר בלאזט א שטילער ווינט.
פון פעלד זיך אומגעקערט די טשערעדע.
ס'האבן זיך צעבילט די הינט...

1. קע-י טארע בון לא גוסט= עס איז זייער באטעמט.
2. מאטושע= מאלדאווריש מ ו מ ע .
3. פ א ר ק ו און מ י נ ז ש ע =קינדערישע שפילן

איך ד'הויפן פייערלעך ברענען,
דער הימל הייבט אן שטערן צינדן..
דאס דארף שלאפט איין נאך שווערער ארבעט
און ס'הייבט מידקייט אן פארשווינדן...

א דאמפשיף מיט גערויש שווימט דורך
און זי פון נאכט די שטילקייט שטערט.
לאנג גערויש ניט דויערט אבער
און ווידער שטיל און רויק ווערט...

איך זע מיין ליבע מומע עטל
פון דער ארבעט ז'איז פארשמאכט.
וועגן אירע זיבן קינדער
שטענדיק ז'איז פארזארגט,פארטראכט...

אונדזער טייערע באבע רבקה
פון דער צאינה וראינה לייענט,
ווי מ'האט יוספן פארקויפט.
די שוועסטער האבן זיך צעוויינט...

און דער זיידעשע זלמנה
איילט קאיאר צו דער אדאיע.
ווען מיט זיך ער פלעגט מיך נעמען,
געווען א פרייד איז,א מחיה...

• • •

אוועק פיל יארן... דאך כ'זע די באטעס.
כ'הער דעם פליסטר פונעם דניעסטר.
פארבראכט פיל קינדער-יארן דארטן
איך אוןביידע מיינע שוועסטער.

א ד א י ע = מאיאנטעק,גוט,אימעניע,לאטיפונדיע.

די פריינד לונסקי אידה
און צבי..

# געזאגנ ווען מיין שטאט נהריה...

פון מיין בעסאראבער, ליבן שטעטל
איז געבליבן נאכן חורבן פארבליבן.
געהייליקט כ'האב דעם שטעטל פיל לידער
אין מיין יידישן לשון פארשריבן.

האט מיך דער גורל צו דיר נהריה
געבראכט אויף די עלטערע יארן.
האב איך אין דיר זיך פארליבט,
און דו ביסט מיר טייער געווארן...

. . .

ס'שמייכלען אין בליונגביימער און בלומען.
ארום איז פארשכורט די לופט
ס'איז די צפונדיקע ריוויערא
מיט איר צויבערדיקן דופט...

שפילן זיך שטיל די ים-כוואליעס
מיט זאמדן, צושעלן ביים ברעג.
צו דער ימדיקער רחבות
זעט מען ניט קיין עק...

הערן שטיל די קיפאריסן
פון די שטארן א דועט.
פליט א וואראעם ווינטל אן
די קרוינען טוט א גלעט...

ליארמען קינדערלעך אין גן,
זיי ווייסן ניט פון זארג...
זארגלאזיקייט אביסעלע
גיט קינדער מיר אויף בארג

## 27. שלום סודיט / לידער

אלטעלייט פארטראכטן זיך
ווערן יונגע יארן.
ווערן צייטן, טרוימען וועלכע
פארבליבן אין זכרון...

קומט די נאכט, הילט איין די שטאט
אין זיידענער בלאקייט איין.
ארום זיך אנגעצונדן האט
נאכט מיט איר כשוף-שיין...

צעשמייכלען נעאנשטערן זיך
צו זייערע הימל-ברידער.
אומעט מענטשלעכן עס היילן
ווונדערלעכע לידער...

ס'איז חצות... לבנה שווימט
אין דער מיט פון הימל...
די הויכע הייזערבלאקן זינקען
אין א שטילן דרימל...

פונעם געתון זיך טראגט
נאכט קאנצערט פון פראשן...
ערגעץ האט זיך אין די הייכן
א שטערן אויסגעלאשן...

נהריה 1975-1981

28. שלום סודיט /לידער

# טרויער-קרויטן...

צום אנדענק פון די קינדערלעך פון כפר אביבים,דערמארדעטע דורך די אראבישע טע ראריסטן אין חודש מאי 1970....

איך מיין טרערן-בעכער אריינגעטריפט
איז נאך א טרויער-טרער...
געיאמער פון עלטערן פארייתומטע,
איז דערגאן צו מיר אהער...

פארצוקט אייך האבן ווילדע רוצחים,
ווי ס'פארצוקט דער שפארבער פייגעלעך.
צי פרי די שיין זיך אויסבלאשן
אין אייערע כשרע אייגעלעך...

דורכגעשניטן האט מיין הארץ
א בלוט-פארגאסן מעסער.
דער קינדער-קרבן פון מיין לאנד
מאכט דעם ווייי נאך גרעסער...

אין לעצטן וועג אייך קינדערלעך
כ'האב ניט געקאנט באגלייטן.
שיק איך אייך פונדאנען
א בינטל טרויער-קרויטן.

קעשענעוו 1970.

# דער טויט פונעם ירבגן שטאר...

געווען נאך גאר א ירנגער פויגל
מיין באקאנטן שטארט א קינד.
געפרווט ער האט זיך לערנען פליען
און ער ליגט שוין טויט אצינד...

שטייט מיין שכנס מיידעלע
אזוי אומעטיק פארטראכט.
ס'האט די קאץ רוצחטע
א פרעמד קינד אומגעבראכט...

קלאגן,צווישערן די שטארן,
טרערן אין די אייגעלעך.
ס'באווייינען זייער מת
מיינע ארעמע פייגעלעך...

נעמט דאס מיידעלע דעם מת,
גראבט אויס פאר אים א גריבעלע.
שלאפן אייביק וועט דאס שטארעלע
אינעם פינצטערן גריבעלע...

קעשענעוו 1970.

## אסיענדיקע שפליטערס...

ס'צאנקט איך בלעטערפאל דער הארבסט.
ס'טוט א שטילער קלעם דאס **הארץ**...
אימפעטיק צערוישט דער ווינט זיך
ס'ווערט דער הימל בלייז און שווארץ...

נאקעט שטייען ארום די ביימער.
עס זיינען נעסטן נאר פארבליבן.
פייגעל-טרעלן קלינגען מער ניט.
ס'האט דער הארבסט זיי ווייט פארטריבן...

ס'ווייינט א גאנצן טאג דער הימל
און ער גיסט מיט קאלטע טרערן.
בענקן נאך דעם העלן זומער,
קאן אים קיינער ניט פארווערן.

סטראשען 1967.

## פארשטאנען כ'האב די שטארן-שפראך...

ס'טוט דער הארבסט אויס זיינע קליידער.
עס וועלקן שוין די לעצטע קוויטן.
ס'טוט א בייזער ווינט א הוליע.
די שטארן זיך צום אפפלי גרייטן...

אויף צוויי אלטע נוסנביימער
און אויף די טעלעפאן-דראטן,
פון די שטארן אב'אסיפה,
ווו זיי ערנסט זיך באראטן...

יונגוואַרג פילדערט.. באפעלט דער פירער:
„רויק! איר האט ווינטער ניט געזען,
מיט זיין בייסענדיקער קעלט,
מיט די פרעסט און די זאווייען.

די שטארן-שפראך כ'האבניט געלערנט,
נאר זייער שמועס איך האב פארשטאנען.
באשלאסן ז'האבן אפצופליען
אהין, ווו ווינטער ז'ניט פאראנען...

א שיינער טאג זיך אויסגעגעבן,
פארטראכטע בייי די שטארן אויגן.
זיך מיטן ישוב אפגעזעגנט
אין ווייטע לענדער אפגעפלויגן....

קעשענעוו 1969

# א ד א נ ק ד י ר ל י ב ע ר ש ט א ר...

א דאנק דיר ליבער שטאר,
פאר דיין זיס געזאנג.
איך וואלט געוואלט,מיין פריינד,
דאס זאל זיך ציען לאנג...

געלינדערט האסט אביסל
מיין טרויער און מיין שמארץ.
געווארן לייכטער איז
מיין אומעטיקן הארץ..

ס'שמייכלט היינט די זון.
די כמארעס ווייט אוועק.
און דער ווינט רוט זיך אפ
אויף דעם טייכלס ברעג...

ס'שפילן זיך זון-העזלעך
אויף די קלויסטער-שויבן.
און ביי די שטומע גלאקן
קושן זיך די טויבן...

א קרא שטייט אויף א בוים
אין מויל קיין פיצל קעז.
דרייט ארום א פוקס זיך
איז מלא כעס און ביין...

איך גאס באוויינט א שכור
קוועצן מיט זיין שטים.
ווייסט א שכור דען,
וועך באכרס שפאסט מיט אים?...

ענדלאז כ'וואלט געוואלט
דיר שפאסן נאר דערציילן.
דו ווייסט,אז שפאס האט קראפט
די ווונד אביסל היילן!...

א דאנק דיר,ליבער פריינד,
פאר היינטיקן גוטמארגן.
א שלל מיט צוויבער ליגט
אין דיין געזאנג פארבארגן...

קעשענעוו -מאלדאוויע 1970.

## ד ע ר  א פ ג ע נ א ר ט ע ר
## ט ר ו י מ ע ר...

דיין גלויבן און דיין האפענונג–
געווען זיינען נאר א חלום...
ביסט געווען דאס גאנצע לעבן–
א נאאיווער טרוימער–ש ל ו ם ...

ניט דיין שולד איז,וואס אין תהום
פון יאוש ביסט אריינגעפאלן...
פארשניטן האבן די טיראנען–
דיינע יוגנט–אידעאלן...

ניט דער ערשטער,ניט דער לעצטער–
געבליבן ביסטו אפגענארט...
שיין געווען נאר איז אין טרוים,
דאס אויף וואס דו האסט געווארט...

געוועזן זיינען שטענדיק טרוימער–
עס וועלן ווייטער טרוימער זיין...
פארכישופן וועט זיי דער גלויבן–
דערוואכונג זיין וועט פול מיט פיין...

## מ א ה י ק א נ ע ר...

לאנגזאם... מיט הארץ–ציטער זיך געצויגן
וואכן...נאך זיי יארן...
צערטלעך זיך צעבליט די ליבע–
ביז זי איז רייף געווארן...

ציטער הייליקער און מתיקות–
איז אין ערשטן קוש געווען...
זיך געדאכט די גאנצע וועלט איז
אזוי וווּנדערבאר און שיין...

געווען א צייט פון שיינע טרוימען.
די וועט זיך מער שוין ניט אומקערן.
זכרונות אויף א ווייל ארנדז וואַרעמען.
ראמאנטיק... טרוימען... דעם עבר געהערן...

ס'שטארבט מיין דור מיט זיין ראמאנטיק.
ער גייט אין אייביקייט אוועק...
איך איינער פון די מאהיקאנער–
לאנגזאם שפאן מיין לעצטן וועג...

י.ב. אלטערמאנען

# װינטער באגינען
# אין שטאט...

אין װײַסן נעפּל זיך באהאלטן
האבן בראָע בלאָקן...
בײַמער אײַנגעהילטע אין פראָסט-טוך.
עס שרײַט א קרא דערשראָקן...

אין א ים פון װײַסן שנײ
בלײַבן די אויגן...
אויף לאנגע װערסטן האבן
עלעקטרא-דראָטן זיך אויסגעצויגן.

ס'יאָגן די אויטא-מאשינעס-
דעם װײַסן שנײ זײ קנײטן...
אויף די שויבן אויסגעמאָלט
דער פראָסט האט װוּנדער-קרײַטן...

אין נעפּל פראָסטיקן קוים פינקלען
בלײַכע נעאָנשטראַלן...
פון הימל-בלױװער אנגעהויבן
פּאַראַשוטלעך װײַסע פאַלן...

זיך צעבײַלט נ'א הויף א הונט
מיט א פוילן קול א טריבן
אויף דורכגײער פון גאס
און איז שטיל געבליבן...

ס'הייבט א װינטעלע אן בלאָזן-
א שפּיל טוט מיטן שנײ...
אײַנעם װײַסן,קאַלטן דרויסן
עס שמעקט מיט א זאַװײ...

קעשענעװ 1970.

# פ א ר ב ל י ב ן  א י ז  א  פ ג ר
# פ ו ן  א י ם...

פון אומשולדיקע קרבנות,אין די לעצטע גסיסה-רגעס,
זיך האבן שנאה און קללות אויפן טיראן געשאטן...
ליבע מענטשלעכע איז אים פרעמד געווען.
מיט אכזריות ער ווידדע מענטשלעכע האט צעטראטן...

ביי מאמעס,ביי אלמנות-ביז הייגט נאך זעגען
ניט אויסגעטריקנט אין די אויגן טרויער-טרערן.
זיך אריומגעריגגלט ר'האט מיט ורענט פון מענטשנפיין און שנאה.
און ניט געוואלט ער האט גארנישט זען.. גארנישט הערן...

נאר ס'האט געשלאגן אויך זיין לעצטע שעה.
עס האט דער טויט זיך אויך צו אים דערקליבן.
אנטשוויגן איז אויף אייביק ער געווארן.
און ס'איז פון אים א פגר נאר פארבליבן...

ס'איז דער געץ שוין טויט... ער שווייגט...
און איז פאר קיינעם מער שוין ניט מסוכן.
אים גיך פארגעסן האבן אלע זיינע דינער.
און קיינער דארף פאר אים זיך מער ניט ברקן...

עס איז דער פעלקער-מערדער מאכטלאז שוין.
ער א געפלעסטער אזיינדערט ליגט...
אויף מיליאנען רוסלאנדז זין און טעכטער
דער פחד שוידערלעכער ווייניקער שוין דריקט...

אויף דעם פארהאסטן פגר,וועט מען מער ניט קוקן.
מ'האט אים פון מאוזאליי ארויסגעטראגן...
זיין טויט געקילט אביסל האט די וווגדן.
די צייט נ'פארגעסנהייט זיין נאמען וועט פאריאגן...

סטראשען-בעסאראביע

## ד י  ש ו ו א ר צ ע  ק ר א ...

די נאכט איז שטיל. די שרעק איז וואך
און דער הימל איז וווּנדער-בלא...
ד׳אידיליע פון דער שיינער נאכט
שטערט די בייזע,שווארצע קרא...

ליכט אין ד׳הייזער ז׳אויסגעלאשן.
ס׳בייט דורך אין פחד יעדע שעה...
ביז גאר ז׳אנגעשפיצט ס׳געהער.
עס ברשעוועט די שווארצע קרא...

ס׳הערט דער מח אויף צו דענקן.
פארשווונדן איז שוין לאנג די רו.
דאס הארץ איז איינגעקלעמט אין ציטער.
אין גאסן יאגט די שווארצע קרא...

ס׳ציען טעג זיך פול מיט פיין.
פון לעבן האסטו ניט הנאה.
עס פארפאלגט דער שאטן דיך
פון דער בייזער,שווארצער קרא...

פארנומען מ׳האט דיין שכן שוין.
ווארסט מיט ציטער אויף דיין שעה.
פיין און טויט עס פארשפרייט-
אומעטום די שווארצע קרא...

" עפנט!"...קלאפט מען אין דער טיר.
ס׳איז דער קאפ געווארן גרא...
געקומען איז נאך דיין נשמה-
די פארהאסטע,שווארצע קרא...

אין יעדער שטאט,אין יעדן הויז,
ווהין דו קומסט... ז׳דער פחד דא...
ווען שוין וועט אנ׳ענדע קומען-
צור פארהאסטער,שווארצער קרא?...

ש ו ו א ר צ ע  ק ר א= אין רוסיש טשארני ווראן.
אינעם ראטנפארבאנד ווערט אנגערופן די שווארצע אוי
טאמאשין מיט וועלכער די ענקאווע״סטן/קאגעבײסטן /
פלעגן ביינאכט פארנעמען פון די ײײזער,אומשולדיקע
מענטשן,וועלכע פלעגן שפורלאז פארשווינדן...

. . .

דער גורל האט צו דיר ארויסגעוויזן חסד.
דיך מיט וויסן און מיט טאלאנט באלוינט...
דו אבער האסט דערשטיקט אין זיך מענטשלעכקייט.. ענייוות...
און האסט אלס שופט עליון זיך געקרוינט...

די,וואס האבן פריינדשאפט דיר אמאל ארויסגעוויזן-
האסטו זיי פון דיין געדעכעניש ארויסגעריסן...
און אין א טאג,ווען ד'האסט געדארפט אין תפילה זיי דערמאנען-
פארשווועכט האסטו זייער אנדענק.. נ'דאס מענטשלעכע געוויסן...

די ביסט אלמעכטיק היינט און דו געוועלטיקסט.
קענן דיר וואגט קיינער ניט קיין ווארט ארויסצוזאגן.
שטרענג ווערן די ווידערשפעניקע באשטראפט...
קענן דיר נישטא פאר וועמען זיך צו קלאגן...

וו זשע זיינען גערעכטיקייט און געוויסן
ווען וועלכע אין פרעמדן לאנד שטענדיק האסט געטרוימט?...
א,היליקע נאאיווקייט !...אויך דא,דער פיפיקער אוזורפאטאר
זיי רחמנותלאז פון וועג האט אפגערוימט...

אויגוסט 1981.

## ש פ ל י ט ע ר ס...

די ליד דארף ווארעמען דאס הארץ.
באגליקן דיך דארף זי,נ'ווען אויך רעגן...
באגלייטן שטענדיק דארף זי דיך,
ווען אין דער היים ,ווען אויף וואנדער-וועגן...

קלאר,פארנונפטיק דארפן זיין די ווערטער,
כדי צו דעם פארשטאנד זאל אלץ דערגרייכן.
וואס טויג פון ווערטער א פלאנטער און א טומל,
ווען קיינער וועט קיין ווארט אפילו ניט פארשטיין!...

ניט שרייבן זאלסטו דאס,וואס דו פילסט ניט.
ניט לעסטערן זאלסטו מענטשלעכע געפילן.
אויב ווערסט געלויבט היינט צוליב דיין הויכן מעמד-
איז ווייס-וועסט מארגן אלץ פארלירן.. אלץ פארשפילן...

נהריה 1981.

צום אנדענק פון שבעלען
זכרונה לברכה.

## דו שורייגסט...

דער שמייכל,וואס האט אין דיינע אויגן
געפינקלט,ווי א שטערן,
איז אויסגעלאשן געווארן...

איבער דיין רויקן געזיכט,איבערגעבויגן
א שווארצער שאטן שטייט.
איין וואָרט,א פליסטער כאטש,געוואלט כ'וואלט הערן...

דו אבער שווייגסט אין שטילקייט טריבער-
און קאנסט ניט שעפטשען מער:
"מיין ליבער!"...

ווייסן אבער זאלסט,אויף אייביק
כ'וועל דיך ניט געזעגענען...
דער טאג וועט קומען,און ווידער וועלן מיר
אין די הימלען זיך בעגעגענען...

## מיין ליד...

אויסגעקריצט כ'האב אין הארצן מיין ליד.
די יידישע ווערטער-געשליפן,געליטערט...
בורעים פאר קיינעם איך בין ניט געפאלן-
און פון דעם אמת זיך ניט קיינמאל דערווייטערט...

עס האבן אנטוישונגען אפט מיך בעמאטערט.
שלעכטקייט און צביעות מיין נשמה פלעגן רעגן.
איך האב געליטן... געקעמפט.. זיך געראנגלט.
זיי האבן פארפאלגט מיך אויף אלע וועגן...

פיל אומעט שפיגלט זיך אפ אין די לידער.
אליין כ'בין דער עדות פון גרויליקע צייטן...
טרוימען פארברענטע אויפן שייטער פון רשעות.
זען שוין איך וועל ניט,אויב ס'וועט עפעס זיך בייטן...

אויב הערן וועסט וועלן מיין שטים נאך מיין טויט-
האב איך אויף א טאשמע פיל לידער פארשריבן...
וועסט הערן,ווי פאסט מארטעם,כ'לייען מיינע לידער-
דאס איז די ירושה,וואס נאך מיר איז פארבליבן...

37. שלום סודיט/לידער

## א מ ת מ י י נ ע ר...

ארומגעוואנדערט האסטו אמת,שטענדיק אויף אלע וועגן,
און פאר. פרעדיקן פעלקער-פרייַנדשאפט,פרידן,זייער פיל געליטן..
דיין שליחות הייליקע,האבן מענטשן אנערקענען ניט געוואלט,
זיך פון דיר דערווייטערט,און דיך אויסגעמיטן...

עס האבן האס און רשעות פארסמט דעם מענטשנס זעל,
און דעם וועג צו אחוה און אויסלייזונג פארשטעלט...
איז פול די ערד מיט פיין,פארפלייצט מיט מענטשלעך בלוט...
פאר א נייעם חורבן און פארלענדונג ס'שטייט די גאנצע וועלט...

צווישן דיינע חסידים און פארערער איך שטענדיק בין פארבליבן.
איך האב דיר נאכגעפאלגט,דיך קיינמאל ניט פארביטן...
בייַנאנד מיט דיר געטיילט דעם שווערן גורל-
און דערפאר באצאלט טייער. אומעטום געליטן...

צום גליק מיר געלונגען איז,אויך אנשי-יושר צו געפינען.
עס איז געווען פאר מיר א טרייסט. ס'איז מיין זעל צופרידן.
איך וועל אוועק אין אייביקייט מיט א געוויסן ריינעם,
וואס כ'האב געקעמפט,געגארט פאר אלע נאר פרייַנדשאפט,רו
און פרידן...

## פ א ר ב ל י ב ן א נע פ ע ל ד י ק ע ד ע ר מ א נ ו נ ג...

טרערן,וואס געזילבערט האבן זיך אין זיינע אויגן,
ביים געזעגענען דאס שטעטל,אויסגעטריקנט לאנג געווארן..
זיין בענקשאפט זיך צערונען אינעם נעפל פון דער צייט.
און געדרוקט זיך האבן לאנגזאם יארן נאך יארן...

דאס געשטאלט פונעם געליבטן מיידל,איר שמייכל-
שוין לאנג אין דער פארגאנגענהייט פארשוווּנדן...
אפגעפרעמדט,גלייכגילטיק געווארן ר'איז
צו אלץ,וואס מיט זיין געבוירנהיים געווען פארבונדן...

אויסמעקענדיק אין זעל דעם אידעאל פון עבר,
האט ער דעם וועג פון רייַכקייט אויסגעקליבן..
פון זיין טרוים און קאמף פאר א נייער,יושרדיקער וועלט,
איז א נעפעלדיקע דערמאנונג נאר פארבליבן...

ער-,וואס האט ניט געזען,ניט דורכגעלעבט די שואה,האט געטענהעט:
" שוין גענוג גערעדט.. גענוג געשריבן.גענוג געגריבלט זיך ביז
היינט...
ברייזט א דרייסטער אינעם הארצן,ווען כ'טראכט,ווי געענדערט
ס'האט זיך דער,וואס געווען ז'אמאל,מיין יוגנט-פרייַנט..

## איך ווייס ניט...

איך ווייס ניט,מעגליך,אז דו ביסט גערעכט,
אז איך פארבלייבן בין דער קנעכט
פונעם אלטן געזאנג,און צום עבר געהער...

אבער,ווען ס'פלעכטן צו הימלען סטעזשקעס די שטערן,
און טויבע פון שטומע דעם פליסטער זיי הערן-
אזא ליריק מאדערנע,באגרייפן איז מיר שווער...

א דיכטער געקלאגט זיך איך זיינעם א ליד,
אז שרייבן ליריק געווארן איז מיד.
א בארג מיט לידער ער האט אנגעשריבן!..

צו וואס א בארג מיט לידער צו שרייבן,
אז ס'וועט פון זיי מאקולאטור נאר פארבלייבן!..
מיין שאלה איז אבער אן ענפער געבליבן...

האב איך דעם וועג פון שתיקה אויסגעקליבן..
ווער קאן דער ליריק מאדערנער פארווערן,
אז סטעזשקעס צו הימלען זאלן פלעכטן די שטערן!...

## די לעצטע ליד...

איך הער זיך צו צו דעם קלאפ פונעם הארצן.
ס'זיינען מאנאטאן זיינע שטילע קלאנגען.
איך ווייס אינעם פילבארן הארצן האבן זיך
אנגעזאמלט טרויעריקע לידער און געזאנגען...

איך שווייג. רויק שמועס זיך דורך מיט זיך אליין.
זאל דער הארץ-קלאפ די צייט,ווי א זייגער טרייבן.
און איך וועל ווארטן אויף דער הגע פון רוח אלוהים,
וואס דערמוטיקן זאל מיך א ניי ליד אנשרייבן...

וואס איז ליד?. - דער אויסדרוק פון געפיל.. איבערלעבונג .
דער שמייכל פון דער ליבע. פונעם מער די טרער.
פון האפענונג דער פונק. פון שיינקייט דער שימער.
בעסער,ווי א דיכטער,דאס קאן קיינער ניט פארשטיין מער...

פונעם הארצן ווערן שווערער די טיק טאקן...
געווארן קראנק איז דעם דיכטערס הארץ און מיד...
און געגעבן ס'האט דעם לעצטן קלאפ..
געווען איז דאס דעם דיכטערס לעצטע ליד...

39. שלום סודיט/לידער

# ט ר א כ ט ו נ ג ע ן  מ י י נ ע ...

איך מיין לאנגן לעבנסוועג האבן מיך באגלייט
פיל צייטן אומעטיקע און טריבע...
אבער דעמאלט דערמוטיקט און געשטארקט
מיך האבן האפענונג און מענטשנליבע...

ערולות קעגן מענטשן און רדיפות-
כ׳האב ניט געקאנט פארשווייגן,איבערטראגן...
דאס האט געערגערט מיך,שרעקלעך ווײ געטאן...
ס׳איז אבער ניט געווען פאר וועמען זיך צו קלאגן..

. . .

שרייבערס יידישע,איך ארנדזער גרויסן חורבן,האט איר
זיך אזוי פילבאר,ווייטעקלעך אפגערופן און געליטן...
אבער איך אייך פארפאלגט האט דער ביי׳זער גורל,
ווען ס׳האט דער איבקוויזיטאר דזשוגאשווילי אייך פארשניטן...

נאכן דורכגעמאכטן פיין.. נאכן טויט.. ניט געלאזט אייך רוען
האבן די היינטצייטיקע שווארצמאהדיקע ראבן...
און צו זייער גרילצינדיקן כאר,איך יידישע פארלוימדער
שפעטער געווינסלאז,ביי׳זוויליק,זיך פאראייניקט האבן...

. . .

מיר ווייסן,אז די פארבאסטע הענקער-רוצחים
אין פייניקונגען פארשניטן האבן זייער לעבן...
מיר ווייסן ניט,וווהין זייער געביין איז אהינגעקומען.
לאזט זייערע נשמות רויק אין די הימלען שוועבן....

40. שלום סורקיס / לידער

די פריינד ירמיה מנוחה און דב.

## קיבוץ סער...

די שטערן מיט דער נאכט זיך געזעגענען
אין שטילן בלא-גראען קאיאר.
פון נאענטן פרדס זיך טראגט
דער צויבער-געזאנג פון עם שטאר...

" גוט מארגן! "-קלאפט אויס דער פיקהאלץ
מיטן שנאבל אויף א גאר מאדנע לשון...
מיט בענקשאפט אין שימער אין לעצטן
דער מארגנשטערן ווערט אויסגעלאשן...

פון די בערג פארבלאנדזשעט א ווינטל-
מיט די פליגל ער רירט אן א בוים.
און די שטראלן פון א קילער א רויטן
צעריינען זיך איבערן רוים...

ארום אטעמט מיט מי און עקשנות
פון א יונגנט, וואס מיט יארן צוריק,
געשטורעמט די ווילדערד, די פעלדזן
פאר א לעבן א ביים און פאר גליק...

און היינט, ווען זיך זילבערן יארן,
ס'שטראלט רייפקייט ארויס פון די אויגן...
זיי פארבענקטע דערמאנען און שעפטשען :
ווי גיך אונדזער יוגנט דורכגעפלויגן...

נהריה 1972.

אפרים שריר

# ד ע ר מ ד ב ר...

דער מדבר אטעמט שווער אצינדער.
ס'איילט,ווי א שאקאל דער הייסער מדבר-ווינט.
אין א געצעלט לעבן אן אאזיס
ס'האט שטיל צעוויינט זיך א בעדוויניש קינד...

מיט האלב-צוגעמאכטע אויגן,קעמלען
באוועגן זיך פארויס,לאנגזאם,מיד...
בעדוינען קוקן זיך ארייך אין מדברדיקן מיראזש.
דער הייסער זאמד די פיס פון קעמלען ברית...

פון הימל זיך דערטראגט פייפנדיקער גערויש.
אדלערס שטאלענע שניידן דורך די הייכן.
ס'שעפטשען שטיל א תפילה בעדוינען:
" העלף,אלאה!ארנדז צו א ישוב גרייכן...

צו שקיעה דערנענטערט זיך דער טאג.
דעמערונג שמייכעלט שוין צור נאכט...
אויפן האריזאנט נעאנשטערן זאגן אן:
דא,האט דער ייד דעם מדבר אויפלעבונג געבראכט...

# א ו נ ד ז ע ר מ א מ ע...

זי האט קיינמאל ניט גערוט...
זיך אויסגעוויינט די אויגן..
פאר זיך געקארגט דעם ביסן-
ביז זי האט אונדז דערצויגן...

די קינדער אויסגעוואקסן-
ווי פייגעל זיך צעפלויגן.
פארבליבן איז זי איינזאם
מיט בענקשאפט אין די אויגן...

מיט טראכטונגען און זארגן-
באהערשט ז'איז אויך אצינדער.
פארגעסן קאן ניט קיינמאל
די מאמע אירע קינדער...

געדענקט זי,אונדזער העלדין-
די הייליקסטע,די מאמען..
מיט ליבע אינעם הארצן
שטענדיק זי דערמאנען.

# צעזארס טויט...

.1

וואס זאלן באטייטן:
קלאפאטראס אומרויקע בליקן,
דער גיפטיקער שמייכל פון ברוטוסן,
פארצווייפלט געבעט פונעם שקלאף,
דער ברידער פונעם גריך ארטעמידאס?...

... אזעלכע געדאנקען געפלאנטערט זיך האבן
אין מח פון לאנגזאם שפרייזנדן צעזאר...
און ס'איז דער קנויל פון געדאנקען
געווארן אלץ גרעסער...
אט וואקסט אויס א מאנסטר מיט דער צורה פון ברוטוס,
וואס האלט איבער אים א בלאנקענדיק מעסער...
וואס זאל דאס באטייטן?...

.2

ס'לאזט זיך אראפ זיין קערפער א מידער אין שטול.
עס בלאנדזשען פון דיל אויף די ווענט זיינע בליקן.
ר'זעט: ס'שאנצט א געשפענסט אויף די ווענט, אויפן דיל.
טויט?.. צי פון זון-העזעלעך א שפיל?..
ס'שלייכט זיך אריין אין זיין זעל א דריקענדיק געפיל.
ס'צעוויגט זיך דאס הארץ,ווי דער אומרו פון זייגער.
עד צעזאר, ניט געקרוינטער קיניג פון רוים
וועט שטארבן פון רוימישע הענט?...

.3

הכנעהדיק,כלומרשט ,מיט א בקשה
אים רינגלען ארום סענאטארן...
און ס'שטעכן קינזשאלן צעזארס לייב.
ס'שמירט אויס דאס בלוט צעזארישע טאגע
און די הענט פון זיינע פארשווערער...
באגאסן מיט בלוט,ווי א פארוווונדעטער לייב,
ער ווארפט זיך אויף ווי מיט ליידיקע הענט...
צעזאר, שטארבט ניט אן קאמף!.
צעזארן, שרעקט ניט דער טויט!...
נאר פלוצים פונעם פארוווונדעטן צעזאר
זיך דערהערט א ווייפולער געשריי,
ווען ער האט ברוטוסן דארטן דערזען:
" אויך דו ברוטוס ביסט מיט זיי?"..
מיט דער טאגע ער דעמאלט פארדעקט האט די אויגן,
ניט זען , ווי ברוטוס שטעכט זיין, צעזארס לייב.
בלויז דעמאלט ז'אים אלץ קלאר געווארן,
ווי עס האט א געטרייער,פרעמשטאמי ער קנעכט,
און ערלעכער , גריכישער למדן ארטעמידאס
זיי ביידע זיין לעבן רעטן געוואלט

פון דער פארשווערונג, פון רוימישע סענאטארן...

4.

צען שווערדן געשטאכן שוין צעזארס לייב...
פון צען ווונדן טריפט צעזארס בלוט...

5.

ס'שוועבן און ווערן בלייצשנעל פארשווונדן
הונדערטער שלאכטן און זיגן פאר רוים.
אפווישן וועט צעזאר מער ניט די רוימישע חרפה
פון מפלה אין פערסישן לאנד...
אלס שקלאפן דארט וועלן שטארבן רוימישע זין..
ער וועט ניט אומקערן די פאנען מיטן רוימישן אדלער.
און ווייטער וועט בריען די רוימער די פערסישע שאנד.
אדיא,קלעאפאטרא און דו צעזאריאן!...
אדיא,מיינע זיגרייכע לעגיאנען!
אזוי האבן געוואלט און פארשטאנען
פארשווערער סענאטארן-
פאר צעזארן דארף זיין דער לוין...

6.

דרייאונצוואנציק...
דאס איז די צאל פון די ווונדן.
די פארשווערער זיינען פארשווונדן.
ס'בלייבט ליגן ביים שטול
אין א קאלוזשע פון בלוט,
וווּ עס גוססט דער טרוים
פון דעם, וואס געווען איז
דער ניט געקרוינטער קיניג פון רוים...

7.

ס'שפרינגט א געשפענסט
אויף די ווענט,אויפן דיל...
דאס איז ניט קיין זון-שטראלן-שפיל...
דאס איז דער טויט פון קאיוס יוליוס צעזאר.

בעלץ בעסאראביע 1938-1939

דרוקפעלער= קלאפאטרא דארף זיין ק ל ע א פ א ט ר א

מיין זיידע אברהם אלטער
ז כ ר ו נ ו לברכה.

## ו ו י י ן מ י י ן ה א ר ץ...

ניט הערן זאלסטו, וואס לייכטזיניקע און הארצלאזע זאגן...
געדענקען זאלסטו שטענדיק אונדזער שואה. שטענדיק אויפן
חורבן קלאגן ...
וויין מיין הארץ!... ניט ווער פארטריקנט טרער!
בעוואָרן אויסגעטריקנט איז מיין קוואל פון פרייד...
מיין עולם הזה אנדערש זיין וועט, האב איך געמיינט-
ס'האט אבער צוגעגרייט דער גורל אונדז א לעבן פול מיט לייד.

לייען, בן אדם, אונדזער גרויסע חורבן-קינה.
דאס לעבן פון מיין דור ז'געוועבט פון פיין און צער.
אנציינדן לאמיר אלע יארצייט-ליכט, פאר די זעקס מיליאן,
פארשניטענע אין אושוויץ.. ווארשע. ווילנע.קעשענעוו.באבי-יאר...

וויין מיין פארוואונדעטע הארץ!.. וויין ביז דער לעצטער טרער.
אוועק אויף שטענדיק איז פון אונדז די פרייד.
אנדערש זיין די וועלט וועט... האב איך געטרוימט.
דער גורל אבער ס'צוגעגרייט א לעבן פול מיט פיין און לייד...

כ'בעט דיך, ברודער-כלי-זמר!...זאלן סטרונעס פון דיין פידל
אויסשפילן דעם ניגון פון מיין טרויעריקן ליד.
ווער האט, ווי מיר אזויפיל נאך געליטן?...
ווער האט געבלוטיקט שטענדיק, ווי געבלוטיקט האט דער ייד?..

געדענקען זאלט איר שטענדיק אונדזער שואה.. די דערמאנען...

## ש פ י ל ט ש א ב א ן ...

שפיל טשאבאן מיר, שפיל א דוינע-
אויפן פלויער דיינעם קליינעם...
כ'וועל צוזאמען מיט דיין דוינע-
די גרויסע זשאליע מיר אויסוויינען...

וואס זשע שווייגסטו, טשאבאן מיינער?...
פארוואס שווייגט דיין פלויער קליינער?..
ווי עס שווייגן זעקס מיליאן-
ווי ס'שווייגן אלטע, גראע שטיינער!...

פון אלע כ'בין געבליבן איינער.
ניט געבליבן איז מער קיינער.
די פיין זי צאנקט ניט, זי ווערט גרעסער.
ס'איז נאך נאס פון בלוט דאס מעסער...

ביידע שווייגט איר, דו נ'דיין פלויער.
אליין מיין זשאליע כ'וועל אויסזינגען.
און זאלן פון דער וועלט די גלעקער
מיין צער און ווייי אצינד אויסקלינגען...

בעסאראביע.

## מײנע לידער...

זײ זײנען באשײדן,
װי באשײדן איך בין.
עס שטראלן פון זײ־
געפיל און אױך זין...

װער געװען־דער פארבליבן־
אי א מענטש, אי א ייד...
עס האט דער יושר
אין מיר שטענדיק געבליט...

מײן נשמה מיט עמך
געבונדן געװען...
זײנע צרות און פײן
כ׳האב געפילט און געזען...

נישט געבו̈קט זיך, ניט געחנפהט
מיט לויב־געזאנגען..
זיך געראנגלט ניט װערן
פון צביעות געפאנגען...

צום ריטם פון צײט־
ניט געװאלט זיך צופאסן.
די פאלשע געטער־
זײ אלע מיך האסן...

װאס געמאנט מײן געװיסן־
דאס האב איך געשריבן.
געגלײבט גאר אין אמת־
און אזעלכער פארבליבן...

## ניט ברוגז זיך פאעט...

באשאנקען ביסטו מיט טאלאנט־
און װיזיע דיכטערישע פארמאגסט.
דו אבער דעם טאלאנט פארשװעכסט,
װען זיך נאך צאל, נאך כמות יאגסט...

כ׳געדענק די שטרענקײט פון אמאל.
פלעגסט קײנמאל זיך ניט יאגן, אײלן.
יעדעס װארט און יעדן פערז,
װי דימענטן פלעגסט שלײפן.. פײלן...

און הײנט איך שטױן, און דיך איך פרעג:
צוליב װאס א בארג מיט לידער שרײבן,
װען מיט יארן שפעטער װעט
מאקולאטור פון זײ פארבלײבן...

46. שלום סוּדיס /לידער

## י י ד י ש ע   ב י כ ע ר ...

פארגעסענע ליגן יידישע ביכער.
עס האט זיי די צייט פארשעמט און פארשטויבט...
אז זיי,אזא ביטערער גורל דערוואַרט-
דאס האט זיך קיינער אמאל ניט געגלויבט...

עס פלעגן די ביכער אונדזער לעבן באשיינען.
טרייסט און פרייד שטענדיק אונדז ברענגען.
ווען פונעם בוך געדעדט האט דער טרויער-
א זילבערנע טרער אויף וויעס פלעגט הענגען...

פארוואס זשע מיין קינד,געלאזט האסט אויף הפקר
דאס יידישע בוך און דאס יידישע ליד?...
אין צענטן דור,דיר וועט מען דערמאנען,
אז דיין פאטער געווען,און דו ביסט א ייד...

## ד א ס   ז כ ו ר ן   ב ו ך...

דיך חרוב מ'האט געמאכט מיין שטעטעלע רעזינע.
מ'האט דיך מיט די ווארצלען אויסגעריסן.
דו אבער אין מיין נשמה לעבסט,און איך פארשרייב
אין מיין יידיש-לשון,כדי קומענדיקע דורות זאלן וויסן...

ווי אין מיין לעבן,איך בין געווען ערלעך און באשיידן,
אזוי באשיידן,ערלעך בין איך אין מיין ליד..
ליב געהאט איך האב מיין בעסאראבער שבט,
דעם שבט פונעם הארעפאשנעם,בעסאראבער ייד...

א זכרון-בוך ווענן דיר איז נאך ניט פארפאסט.
אפשר וועט מען שפעטער אזא בוך אנשרייבן.
און אויב ניט... זאלן מיינע לידער יידישע,
א זכרון-בוך ווענן דיר פארבלייבן...

47. שלום סודיס /לידער

פריינד פרידה און ששון אברהם.

# דעמערונג מאלט א בילד...

## לירישע מאטיוון...

צום האריזאנט א פורפור-קיילעך זיך דערנענטערט.
גיך וועט שקיעה זיין... זון-פארגאנג...
דער קיילעך צעקושן וועט זיך מיט דעם ים.
פון דער נשיקה זיין וועט לעצטער קלאנג...

דעמערונג הייבט א בילד אן מאלן
פונעם טאג ,וואס גייט פארלוירן,
פון דער נאכט,וואס ב'בלאען סאמעט
מיט דימענטן באצירט,וועט איצט געבוירן...

פון דעם עקאליפטוס איך הער א שטילן פליסטער.
פונעם אלעאנדער אטעם איך דעם דופט.
איך הער ס'געבעט פון דער טערקלטויב,
וואס צו דעם שלאף די פריינדין רופט...

כ'זע דעם אלטן פישער,וואס קוקט ארויס
אויף אב'הצלחהדיקן פישפאנג.
אינעם פארק ניט ווייט פון דעם ים
פלאטערט,ווי א שמעטערלינג א גיטארע-קלאנג...

ווי פריערדיקע,אזוי אויך וועט די נאכט
בלאע,סודותדיקע ליבעס שפינען..
אונדזער ליבע לאנג שוין אויסגעזונגען.
ערב-שקיעה... נייע וועלן מיר אוודאי ניט געפינען...

נהריה יאנואר 1982

# מ ע ו ו ע ט מ י ך צ ו ג ו ט ן ד ע ר מ א נ ע ן...

פאר המשך. פאר יידיש. פאר זיין קרוין-ווערק,געטאן ס'האט מיך ווי..
מיין עלטער-רו... מיין געזונט... אוועקגעשעהקט כ'האב זיי...
דעם שקר. צביעות. איך האב פון זיך געטריבן...
און א געררודפטער-אין טריבער איינזאמקייט כ'בין פארבליבן...

. . .

פון צביעות און פון שקר -איך וויל ניט זיין דער קנעכט.
איך בין א פרייער מענטש,דאריבער האב איך רעכט
אויף מיין אויסדערוויילטן וועג אויך ווייטער גיין.
מיט קאפ געבויגענעם פאר אייך,איך קיינמאל וועל ניט שטיין...

דעם חוזק גיפטיקן אין אויגן אייערע איך זע-
און אין הארצן מיינעם איך פיל א בריענדיקן ווי.
איר אבער וועט ניט קאנען מיך פונעם וועג אפווענדן.
מיין מוט. מיין גייסט. וועט איר קיינמאל ניט פארלענדן...

. . .

פון טובנד.. פון יושר-א פאלשע מאסקע זיך אנגעטאן איר האט...
און זיך בעשאפן א פאלשן,נייעם שקר-גאט!...
און איר מיינט,ער אויסלייזן וועט,ווען קומען וועט אויף אייך
די נויט...
א זינדיקע!.. אויך צו אייך ב'א טאג גרייכן וועט דער טויט...

. . .

אייער מאכט צייטווייליקע,צעשטויבט פון צייט וועט ווערן.
און קיינער וועגן אייך קיין ווארט אפילו וועט ניט לאזן הערן...
און איך... וואס דורכגעגאנגען בין דעם דערנער-וועג פון ביטול
און פון פיין
דערמאנען וועט מען מיך צו גוטן,מיט א שמייכל פון א זונענשיין.

נהריה ישראל 1979.

ק ר ו י ן - ו ו ע ר ק = געמיינט דער גרויסער ווערטערבוך
פון דער יידישער שפראך...

## 49. שלום סודיט /לידער

# צוויי לידער...

• •
•

פון ווערטער שיינע,אבער פאלשע,מיר האבן זיך
געלאזט אמאל תמימותדיק פארפירן און פארוויגן...
אין געפענקעניש פון שקר זיך יארנלאנג געפונען,
ביז אין א טאג,דערקאנט האבן מיר דעם גרויסן ליגן...

היינט,ווען יארן זילבערן אונדזער עלטער-
שטיי איך אנ'אנטוישטער...די נשמה ז'פול מיט ווייען...
כ'שטויך!...ווען אנדערע אלץ געוווסט האבן און פארשטאנען-
פארבלענדעט כ'בין געווען און ניט געקאנט דעם ליגן זען...

עס וועלן טרוימען און דער גלויבן זיך שוין מער ניט אומקערן.
די נשמהדיקע ווונדן קאן מען ניט אויסהיילן.
ס'ווערן איינגעשרומפן זונענטעג... פארבליבן נאר אביסל צייט,
וואס שפרייזט מיט מיר צור אייביקייא - צ ו צ י י ל ן ...

1982.

• •
•

אז די נשמה וועט נאכן טויט אין הימל
רו געפינען,-דאס האט מען פאר נאראנים אויסגעטראכט...
אין א קאלטן קבר לאזט מען דיך,דעם מת,אראפ,
ווו הערשן שטענדיק אנ'אייביקע וועט נאכט...

דאס געזאנג פון ים צעשטורעמטן-
איך וועל שוין קיינמאל מער ניט הערן.
אין אסיענדיקע,קילע נעכט,אויף מיין מצבה-שטיין,
פאלן וועט א טרער פון מיין הימל-שטערן...

מעגלעך,אז עמעץ מיך דערמאנען וועט אמאל,
און צו מיין אנדענק א ווארעם ווארט וועט שענקן...
מיין בעסטער פריינד,-דער פארפאלגטער און אויסגעלאכטער אמת,-
ער וועט נאך מיר,דעם יושר-זוכער,אוודאי בענקן...

1982.

שלום סודיט /לידער

## וו י  ק א ן  מ ע ן  פ א ר ג ע ס ן ...

די פריינד

שורא און מנחם

ג א מ ע ר נ י ק

ווי קאן מען פארגעסן די חרובע הייס,
ווו ס'האט זיך דיין יוגנט צעבליט...
די בעסאראבער קאדרען,די גערטנער,דעם סטעפ,
ווו געקלונגען אמאל דאס יידישע ליד...

די געטלעכע שלווה אין די בלאע קאיארן,
פונעם לארך דאס שחרית-געזאנג.
מ'שפילן פליסטער פון די כוואליעס פון דניעסטר-
און פונעם קלויסטער דעם אומעט-געקלאנג...

דעם גארטן פון טרוימען און צארטע קושן,
ווו שעהנלאנג דארטן מיר האבן שפאצירט...
די שמועסן וועגן ליבע,פריינדשאפט און יושר,
וואס מיר האבן אנסופיק מיט התלהבות געפירט...

די ציגיינערשע שאטרע ביים ראנד פון דער שטאט,
נאך וואנדער-טעג מידע רוען אפ זיך אצינדער..
ציגיינערשער פידל... ציגיינערטעס טרעפעריינס...
געפילדער פון שווארצאויגיקע,ציגיינערשע קינדער...

טרויעריקע דאינע פונעם מאלדאווישן פלויער,
דער זון-פארגאנג פון יענער זייט בארג...
אנקום פון נאכט מיט דעם שטערנשימער
די שטילקייט אין דעם שטעטלדיקן מארק...

נישטא מער קיין וועג צו דער חרובער הייס,
ווו עס האט זיך אמאל אונדזער יוגנט צעבליט.
עס בלאנדזשען ארום ביינאכט דארט געשפענסטער...
און ס'שווייגט דאס שיינע,יידישע ליד...

**.נ ר  ת מ י ד – צום אנדענק פון די אוועקגעגאנגענע אין אייביקייט.**

דר.אלטער יוסף
אלטער שיינדל
אלטער פעליליי

אויסלענדער אפרים
אויסלענדער לאה
אויסלענדער צבי

דר. אייזיקאוויטש אפרים
דר. אייזיקאוויטש-אלטער פערל

בארסקי שנאור
בארסקי רחל

בריקמאן בערל

בערשאנסקי מענדל
בערשאנסקי בלימא

געצאף סעניא
געצאף-אלטער שולמית
געצאף פיה

גאמערניק מאניה

גרינבערג יאנקל
גרינבערג פערל

דיקערמאן ברוך
דיקערמאן מלכה

זילבערמאן יעקב
זילבערמאן פאניה

יאנאווסקי יעקב
יאנאווסקי מרים

לעווין לייזער
לעווין פאניה
לעווין נחמן

פאלאריא אלחנן
פאלאריא פייגע
דר.פאלאריא יוסף
פאלאריא מאניה
פאלאריא אמאליא
פאלאריא יששכר
פאלאריא יענטע

פייגין משה

פישמאן ברוך
פישמאן ביילע

דר. פיינבלאט ישראל

צעלניק עקיבה
צעלניק באלדא
צעלניק טוביה
צעלניק איסר
צעלניק-טורטשין ראזא

קאצאפ שמושא
קאצאפ רחל

קאזשושניאן יעקב
קאזשושניאן סויבל

קאנער אברהם
קאנער-טאלמאצקי רבקה

דר. ראבינאוויטש שבתי

ראדנער לייב
ראדנער אסתר
ראדנער יוסף
ראדנער באלדא

רעזניק זכריה

ראשקאוואן פיניע
ראשקאוואן חאסיה

שאפער שופער חיה

שווארץ אברהם
שווארץ-בלומקינא בלימא

שטיינער יעקב
שטיינער ילנה

שטיינבערג בריינה
שטיינבערג נטע
שטיינבערג אנטא-בריינה

שאשקיס מיכל
שאשקיס נחמה
שאשקיס אברהם
שאשקיס בעשי
שאשקיס משה
שאשקיס אסתר
שאשקיס מענדל
שאשקיס אליהו
שאשקיס וועלוול
שאשקיס מרדכי. וולאדימיראוו חנן

שלום סודיס. רח. אחד העם 19/5 נהריה ישראל